משה יעקב שמשון הלוי טייטלבוים
קרית יואל יצ"ו

RABBI MOISHE TEITELBAUM
20 GETZEL BERGER BLVD. #104
MONROE N.Y. 10950
845-782-8995

בס"ד

**לכבוד הרה"ג מוה"ר אלימלך יחזקאל שרגא גאלד שליט"א**
**וכבוד הרה"ג מוה"ר חיים פלאהר שליט"א**

בפרשת "בלום האכהייזער ביקסנשפאן"

בנושא הגט מעושה של האברך מו"ה מנחם מענדל בלום נ"י שהיה כפייה שלא כדין, שעפ"י ד"ת אסור לכופו בלי שום חולק, וגט שנעשה בכפייה שלא כדין פסול מה"ת, ואין לזה ריח גט, וגם הבעל ערער תיכף על הגט, ובא הערעור מצורף עם בירור הלכה מבי"ד שמרו משפט.

אעפ"י שקשה לי לחלוק עליכם ולזלזל בכבודכם, מ"מ משום חומר הענין של הפרת התורה, אסור לשתוק בזה, ומוכרח אני הקטן לקיים עת לעשות לה' במקום שהפרו תורתך, ובמקום חילול השם אין חולקים כבוד לרב.

**עליכם סמך הבעל**

והיות שכשנשאל **הנואף מנחם מענדל ביקסענשפאן** היתכן שמכניס עצמו באיסור חמור כזה, השיב שהוא סומך עצמו עליכם שהתרתם לו לישא את האשה צירל בלום על סמך גט זה שנעשה בכפיה, וגם הדבר מפורסם ברבים שסמך עליכם.

והנה כל ספרי הפוסקים אשר מפיהם אנו חיים, מלאים מזה, דאם יש ערעור על גט צריכין להתחשב עם הערעור, וכל זמן שהערעור קיים אין מתירין את האשה, וזה -שאין מבררין היתר עפ"י תורה- הוא דרך חדשה אשר לא שערום אבותינו, ולא נשמע כזאת בישראל עד זמנינו זה.

**רבינו לימד אותנו שרבנים אינם למעלה מן התורה**

ובזה שלא השגחתם ולא השבתם על הערעור שיצא על הגט, אתם מלמדים לכלל ישראל שהרבנים הם למעלה מן התורה, ובכוחם לחלוק על התורה רח"ל.

ואצ"ל שזה להיפך מן היסוד הגדול מה שלימד אותנו רבינו הקדוש זצללה"ה, דאם רואין דהרבנים חולקין על תורתינו הק' אסור לשמוע להם ואסור לקבל הוראתם, מפני שגם רבנים צריכין להתחשב עם התורה, עי' בויואל משה (מאמר שלש שבועות מן אות קמ"ה עד הסוף), וכמו שראינו אצל רבינו ז"ל, שהגם שהקדוש מבעלזא והרב מטשעבין זצללה"ה היו גדולי עולם, מ"מ כיון שטעו בדבר הלכה הורה רבינו ז"ל שאסור לקבל הוראתם, מפני שהיא הוראה נגד התורה ואסור לשמוע להם, וזה היה דרככם סלולה מאז ומתמיד, ואיככה פתאום סרתם מן הדרך במקום שנוגע לעצמכם.

עוד תוגדל התמיהה, האיך נטלתם עליכם אחריות גדול כזה להתיר דבר שנאסר מכל הפוסקים, על אף שלא פקיע שמיכם להיות בקיאים בטיב גיטין וקדושין, הלא נפסק בשו"ע (אעה"ז סימן קמ"א ס' ל'), כל שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין לא יהא עסק עמהם, וקשין לעולם יותר מדור המבול.

אוי לנו שכך עלתה בימינו, שיזלזלו בדבר חמור ונורא כזה, ובזה עוקרין קדושת ישראל דכתיב והי' מחניך קדוש, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, ועוברין על לא תנאף רח"ל, שעפ"י הלכה האשה נשארה א"א גמורה, ואנו מאמינים בהתורה הק' דגט שנעשה בכפיה פסול, ושהאשה היא א"א, ובניה הם ממזרים שאסורים לבוא בקהל ה' רח"ל, והאחריות עליכם בריבוי ממזרים בכלל ישראל.

פה קרית יואל

משה יעקב שמשון הלוי טייטלבוים

משה יעקב שמשון הלוי

RABBI MOISHE TEITELBAUM
20 GETZEL BERGER BLVD. #104
MONROE N.Y. 10950
845-782-8995

משה יעקב שמשון הלוי טייטלבוים
קרית יואל יצ"ו

בס"ד

# אל כבוד הרה"ג מוה"ר אלימלך יחזקאל שרגא גאלד שליט"א
# וכבוד הרה"ג מוה"ר חיים פלאהר שליט"א

בפרשת "בלום האכהייזער ביקסנשפאן"

אין די נושא פונעם געצווינגענעם גט פון ר' מנחם מענדל בלום נ"י, וואס דאס צווינגען איז נישט געווען אויסגעהאלטן, וויבאלד ס'איז נישט דא קיין פוסקים וואס האלטן אז ס'איז געווען מותר, און א גט וואס איז ארויסגעצווינגען געווארן ווען מען האט נישט געמעגט איז פסול מן התורה, אין צוגאב צו דעם האט דער מאן באלד מערער געווען אויפן גט, וואס איז געקומען צוזאמען מיט א בירור הלכה פונעם בית דין שמרו משפט.

טראץ וואס עס איז שווער צו קריגן אויף אייך און מזלזל זיין אין אייער כבוד, אבער צוליב דעם חומר פון גיין אקעגן די תורה איז אוממעגליך צו שווייגן, און איך מוז מקיים זיין דעם עת לעשות לה' הפרו תורתך – אז אין פאל מען צושטערט די תורה מוז א יעדער טון פארן אויבערשטן'ס וועגן און עס נישט פארשווייגן, און אין פאל פון חילול השם קוקט מען נישט אויפן כבוד פון רבנים, ווי עס שטייט אין די גמרא במקום חילול השם אין חולקין כבוד לרב.

## דער מאן האט זיך פארלאזט אויף אייך

ווען מען האט געפרעגט דעם **נואף מנחם מענדל ביקסענשפאן** וויאזוי ער וואגט זיך ארייינצולאזן אין אזא הארבן איסור, האט ער געענטפערט, אז ער פארלאזט זיך אויף אייך, וואס איר האט אים מתיר געווען צו חתונה האבן מיט די פרוי צירל בלום, פארלאזנדיג אויפן גט וואס איז געגעבן געווארן געצווינגענערהייט, דאס איז ברייט באקאנט ביים ציבור.

אין אלע ספרי הפוסקים שטייט קלאר, אז אויב איז דא אן ערעור אויף א גט מוז מען זיך רעכענען מיטן ערעור, און כל זמן דער ערעור איז נישט אפגעוואנדן איז מען נישט מתיר די פרוי, און דאס איז א נייע אומדערהערטע וועג, אז אהן מברר זיין דעם היתר פון די פרוי לאזט מען איר חתונה האבן, וואס קיינמאל פריער איז עס נישט געהערט געווארן ביי כלל ישראל.

## דער רבי ז"ל האט אונז געלערנט אז די רבנים זענען נישט העכער פון די תורה

מיט דעם וואס איר האט זיך געמאכט נישט וואוסנדיג, און איר האט נישט געענטפערט אויפן ערעור וואס איז ארויס אויפן גט, לערנט איר פאר כלל ישראל, אז די רבנים זענען העכער פון די תורה און האבן די אויטאריטעט זיך צו קריגן אויף די תורה.

עס איז זעלבסט-פארשטענדליך אז דאס איז אין פולשטענדיגן קאנטראסט צום גרויסן יסוד וואס רביה"ק זצ"ל האט אונז געלערנט, אז אויב מען זעהט ווי רבנים קריגן אויף די תורה הק', זאל מען זיי נישט אויסהערן און נישט אננעמען זייער פסק, ווייל אויך רבנים מוזן זיך רעכענען מיט די תורה, (עי' בויואל משה מאמר שלש שבועות מן אות קמ"ה עד הסוף), אזוי ווי מיר האבן בייגעוואוינט ביים רבי'ן ז"ל, אז כאטש וואס דער הייליגער בעלזער רב און דער טשעבינער רב זצ"ל זענען געווען וועלט'ס ריזן, אין פאל וואס זיי האבן געגרייזט אין א הלכה, האט דער רבי ז"ל גע'פסק'ט אז מען טאר עס נישט אננעמען.

איר זענט דאך שטענדיג געווען געטריי צו דעם מהלך, ווי אזוי האט איר אפגענויגט פון דעם וועג, צוליב אן אייגענע נגיעה.

נאך שטארקער איז די תמיהה, ווי האט איר זיך געוואגט צו מתיר זיין א זאך וואס איז אסור דורך אלע פוסקים, אין די צייט וואס עס איז נישט באקאנט אז איר זענט אזוי באהאוונט אין די ענינים פון גיטין און קידושין, וואס ווי עס ווערט גע'פסק'ט אין שולחן ערוך (אעה"ז סימן קמ"א ס' ל'), איז אסור צו טון אין דעם פאר איינעם וואס איז נישט גוט באהאוונט דערין, אויך שטייט אז עס איז ארגער פאר די וועלט מער ווי דער דור המבול.

ווייי צו אונז אז אזוינס האט פאסירט אין אונזער דור אז מען זאל מזלזל זיין אין אזא הארבע זאך, וואס דורך דעם ווערט אויסגעריסן קדושת ישראל, ווי עס שטייט אין פסוק: והי' מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, און מען איז עובר אויפן לאו פון לא תנאף רח"ל, ווייל לויט די הלכה איז דאך די פרוי אן אשת איש, און מיר גלייבן אין די תורה וואס זאגט אז א גט בכפיה איז פסול, און די ווייב בלייבט אן אשת איש, און די קינדער זענען ממזרים וואס זענען אסור זיך צו משדך זיין מיט זיי רח"ל, און די אחריות פון פארמערן ממזרים ביי אידן ליגט אויף אייך.

פה קרית יואל

משה יעקב שמשון הלוי טייטלבוים